פערלאג „רוסלאנד-אמעריקא"

# מֶענְשֶׁען-לִיעבֶּע

## אַ קאַטאָוועס-שטיק אין איין אַקט

פון

## לעאָניד אַנדרעיעוו.

אין אידיש בעארבעט פון י. פיראָזשניקאָוו.


הויפטפערלאג

| אמעריקא: | רוסלאנד: |
|---|---|
| נו-יארק מ. מייזעל. | ווילנא, י. פיראזשניקאוו. |
| 422 גר׳נד סט. | דרוק אנשטאלט |



HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

Ben

8807

פערלאג „רוסלאנד-אמעריקא"

# מענשען-ליעבע

## א קאטאָוועס - שטיק אין איין אקט

פון

## לעאָניד אנדרעיעוו.

אין אידיש בעארבעט פון י. פיראָזשניקאָוו.

Еврейско-Нѣмецкая Т...
9 МАЙ 1909
А. В. Эськина.

הויפטפערלאג

רוסלאנד:
ווילנא, י. פיראזשניקאוו,
דרוק אנשטאלט

אמעריקא:
נו-יארק מ. מייזעל.
422 גרענד סט.

# ЛЮБОВЬ КЪ БЛИЖНЕМУ.

Шутка въ одномъ дѣйствіи **Леонида Андреева.**

Переводъ и обработка для еврейской сцены **И. Пирожникова.**

Вильна типографія И. І. Пирожникова, Завальная № 24.

1909

# מענשען-ליעבע

אַ ווילדער אָרט צווישען בערג. אויף אַהויכען זענקרעכטען פעלזענשטיין, פון וועלכען ס'טיילט זיך אָב פון אויבען אַ קליינער, קוים מערקזאַמער אָבשפרונג, שטייהט עפּעס אַ מענש אין אַ פערצווייפעלטער פּאָזע. פון וואַנען האָט ער זיך דאָרט גענומען, איז שווער צו זאָגען — נאָר מע קען איהם בשום אופן ניט דערלאַנגען, ניט פון אונטען, ניט פון אויבען. קורצע לייטערס, שטריק, און דראָנגען בעווייזען אַז מען האָט שוין געפּרופט כל'ערליי מיטלען צו ראַטעווען איהם; נאָר מ'האָט גאָר ניט געקאָנט מאַכען.

ווי עס ווייזט אויס, איז שוין אַ לאַנגע צייט אַז דער אומגליקליכער געפינט זיך אין אַזאַ סכנות'דיגער לאַגע. אונטען האָבען שוין אויספּעיעט צוזאַמענקלייבען זיך אַ מענגע מענשען, אַ מישמאַש פון פערשיעדענע לאַגען. עס שטייהען שוין טישלאַך, וואו מע פערקויפט פערשיעדענע ערפרישונגס-געטרינק; עס שטייהט שוין אפילו אַ גאַנצער בופעטעל, אַרום וועלכען עס פּאַדעט אַרום פערשוויצטערהייד אַ פערסאָפּעטער לאַקיי: ער איז דאָ נאָר איינער, און קען זיך ניט ספּראַווען. עס גייהען אַרום פּאַקענטרעגער וואָס האַנדלען מיט אַנזיכטס-קאַרטען, קאָראַלען, קמע'לאַך און אַלערליי פּוסטע קלייניגקייטען; איינער עפּעס אַ יאָלד סטאַרעט זיך צו געפינען אַ קונה אויף אַ שילדקרעטענעם קאַם, וואָס איז ב'אמת גאָר ניט פון שילדקרעט. און פון אַלע זייטען קומען אָן טוריסטען, וואָס האָבען שוין געהערט פון דעם קלאַנג אַז דאָ דאַרף באַלד פּאָרקומען אַ שרעקליכער אומגליק. ענגלענדער, דייטשען, רוסען, פראַנצויזען, איטאַליענער א. ז. וו. מיט אַלע זייערע נאַציאָנאַלע אייגענהייטען אין האַראַקטער, מאַניערען און קליידונג. כמעט יעדער פון זיי האָט אַ שפּיציגען אַלפּענשטאָק צו קלעטערען אויף די בערג, אַ בינאָקל, און אַ פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט. עס הערען זיך געשפּרעכען אין אַלערליי לשונות; נאָר, פון בעקוועמליכקייט וועגען פאַרן לעזער זעצען מיר זיי איבער אַלע אין אידיש.

אונטען ביים פעלזענשטיין, וואוהין עס דאַרף אָראָבפאַלען פון אויבען דער אונבעקאַנטער מענש, שטייען צוויי פּאָליציאַנטען. זיי טרייבען פאַנאַנדער די קינדער, און מיט אַ דינער שטריקעלע אויף פערשאַרפטע פלעקעלאַך צייכענען זיי אָב אַ פּלאַץ.

ס'איז אַ פרייליכער גערויש.

דער פּאָליציאַנט. אַוועק פון דאַנען, ווייסעהֶבְרָה'ניק ער וועט אַראָבפאַלען דיר אויפ'ן קאָפּ—וואָס וועלען דערמאָלט זאָגען דיין מאַמע מיט'ן טאַטען?

דער אינגעל. סיידען ער וועט אַראָבפאַלען אָט אויף דעם אָרט?

דער פּאָליציאַנט. יאָ, אויף דעם אָרט.

דער אינגעל. און אויב ווייטער?

דער צווייטער פּאָליציאַנט. דער קונדעס איז גערעכט: ער קאָן אין פערצווייפלונג געבען א שפּרונג, איבער־פליעהען איבער'ן שטריקעל און אָנמאַכען אַ שרעק צווישען די צוזעהער; ער מוז וועגען ניט ווייניגער ווי פיער פוד.

דער ערשטער פּאָליציאַנט. אַוועק פון דאַנען! עי, דו, מיידעלע, וואוהין קריכסט דו? — מאַדאַם, דאָס איז אייער טאָכטער? זייט אַזוי גוט, נעהמט איהר צו פונדאַנען: דער יונגער מענש דאַרף באַלד אַראָפּפאַלען.

די דאַמע. שוין באַלד? אוי וויה איז מיר! און מיין מאַן איז ניטאָ!

די מיידעלע. ער איז אין בופעט, מאַמאַ.

די דאַמע (פערצווייפעלט) נו עס פערשטייהט זיך, שטענ־דיג אין בופעט, רוף איהם אַקאָרשט, נעללי, זאָג, אַז באַלד וועט ער פאַלען. גיכער! גיכער!

שטימען. קעלנער! — גאַרסאָן! ! ביער! — ס'איז ניטאָ קיין ביער.—וואָס? וואָס איז דאָס? אַ שיין שטיקעל בופעט! — באַלד וועט מען ברייננגען. — טאָ גיכער־זשע! — קעלנער! — קעלנער! — גאַרסאָן!

דער ערשטער פּאָליציאַנט. דו ביסט ווידער דאָ, קונדעס איינער!

דער אינגעל. איך האָב געוואָלט צונעהמען אָט יענעם שטיין.

דער פּאָליציאַנט. אויף וואָס דאַרפסט דו עם?

דער איננעל. עס זאָל איהם ניט אַזוי ווייה-טאָן פאַלענדיג.

דער צווייטער פאָליציאַנט. דער קונדס איז געראַבט: מע דאַרף אויפראַמען די שטיינער, און גלאַט, און פאר דעם, דאַרף מען טאַקי ריין מאַכען דעם אָרט, אָפּשר איז ערגעץ דאָ פּאָלאָווינעס, אָדער זאַמד?

עס קומען אונטער צוויי טוריכטען, ענגלענדער, זיי בעקוקען דעם אובעקנאַנטען אין זייערע בינאָקלען, און שמועות'ען צווישען זיך.

דער ערשטער. יונג.

דער צווייטער. ווי אַלט?

דער ערשטער. אַכט און צוואַנציג.

דער צווייטער. זעקס און צוואַנציג. זעהט אויס עלטער פון שרעק.

דער ערשטער. אין נעוועט.

דער צווייטער. בצעדן קענען הונדערט, פערשרייבט.

דער ערשטער. (פערשרייבענדיג, צום פאליציאַנט) זאָגט מיר, איך בעט אייך, פון וואַנען האָט ער זיך דאָרט גענומען? פאַר וואָס נעהמט מען איהם פון דאָרט ניט אַראָב?

דער פאָליציאַנט. מע האָט געפּרופט, אָבער מע קען גאָר ניט מאַכען: אַלע לייטערס זיינען קורץ.

דער צווייטער. ווי לאַנג איז ער דאָ?

דער פאָליציאַנט. צוויי מעת-לעת.

דער ערשטער. אָהאָ! אַרום אָבענד וועט ער אַראָבפאַלען.

דער צווייטער. אין צוויי שעה אַרום,—הונדערט קעגען הונדערט.

**דער ערשטער.** פערשרייבט! (שרייט צום אונבעקאנטען) ווי פיהלט איהר זיך? הא, וואס? איך הער ניט.

**דער אונבעקאנטער.** (מיט א שוואכער שטימע) שלעכט.

**די דאמע.** אוי וויה איז מיר! און מיין מאן איז ניטא.

**די מיידעלע.** (צולויפענדיג) דער פאפא האט געזאגט אז ער האט נאך צייט, ער שפיעלט דארט מיט איינעם אין שאך.

**די דאמע.** אוי, וויה איז מיר! זאג, נעללי, אז איך רוף איהם, און אפשר... הער פאליציאנט, זאגט, ער וועט באלד אראבפאלען? ניין, נעללי, גייה דו בעסער, און איך וועל דא צוהיטען דעם ארט פאר פאפא.

*א היבשע, א דארע דאמע מיט א ענערגישען, בייזען אויסדרוק אין געזיכט, פיהרט א מחלוקה מיט עפעס א טוריסט וועגען דעם פלאץ, דער טוריסט איז א קליין-געוואקסענער, א שוואכער, אין א שטילער מאן, און קען זיך ניט ספראווען מיט זיין געגנערין, וועלכע טרעט ארויס געגען איהם ענערגיש.*

**דער טוריסט.** אבער, מאדאם, דאס איז דאך מיין פלאץ, שוין פון צוויי שעה אז איך שטייה דא.

**די ענערגישע דאמע.** וואס האט דאס צו מיר, ווי לאנג איהר שטייהט דא? איך וויל דא שטיין, איהר פערשטייהט, צו ניין? פונדאנען וועט מיר בעסער זיין צו זעהען, איהר פערשטייהט צו ניין?

**דער טוריסט.** (מיט א וויכע שטימע) אבער מיר וועט אויך זיין פונדאנען בעסער צו זעהען.

**די ענערגישע דאמע.** אויך מיר געזאגט איהר פערשטייהט דען עפעס אין אזעלכע זאכען?

**דער טוריסט.** וואס איז דא צו פערשטייהן? א מענש דארף אראבפאלען און מעהר גאר ניט.

די ענערגישע דאַמע. (קרימט איהם איבער) אַ מענש דאַרף אַראָפּפאַלען און מעהר גאָר ניט! אויך מיר געזאָגט. האָט איהר דען אַמאָל געזעהען אַ מענשען וואָס פאַלט? ניין? און איך האָב געזעהען אַזעלכע גאַנצע דריי: צוויי אַקראָבאַטען, איינעם, וואָס איז געגאַנגען אויף אַ שטריק, און דריי, וואָס זיינען געפלויגען אויף אַ לופט-באַלאָן.

דער טוריסט. דאָס איז דאָך שוין זעקס.

די ענערגישע דאַמע. (איבערקרימענדיג) דאָס איז דאָך שוין זעקס! וואָס פאַר אַ גאָון אין מאַטעמאַטיק! און איהר האָט אַמאָל געזעהען אַז אין אַ זוויערינעץ זאָל אַ טיגער פאַר אייך אין די אויגען צערייסען אַ דאַמע? האַ? וואָס? פערשטיהט איהר שוין? און איך האָב געזעהען! טאָ זייט זשע אַזוי גוט, זייט אַזוי גוט.

דער טוריסט קוועצט מיט די פּלייצעס, פיהלענדיג זיך בעליידיגט, און טרעט אָב פון זיין אָרט. די ענערגישע דאַמע זעצט זיך פאַנאַנדער בהרחבה אויפ'ן ערָאָבערטען שטיין, לייגט פאַנאַנדער אַרום זיך איהר האַנדטאַשע, נאָזיטיכלאַך, מיאַטע-מאַנדעלאַך אין עפּעס אַ פלעשעלע טראָפּענס; זי נעהמט אַראָב די האַנדשוה, ווישט אויס די גלעזער פון איהר בינאָקל, בעקוקענדיג מיט פערגניגען די אַרומיגע מענשען; זי ווענדעט זיך צו דער דאַמע וואָס וואַרט אויף איהר מאַן. פון בופעט.

די ענערגישע דאַמע. איהר וועט אַזוי מיעד ווערען, דושעטשקע, איהר וואָלט זיך בעסער געזעצט.

די ערשטע דאַמע. אָך, רעדט גאָר ניט: ביי מיר זיינען שוין די פיס געשוואָלען געוואָרען שטייהענדיג.

די ענערגישע דאַמע. היינטיגע מאַנסביל זיינען

אזעלכע נאהאלען: זיי װעלען קיינמאָל ניט אָבטרעטען זייהער אָרט א דאמע. און מיאטע מאנדעלאך האָט איהר מיטגענומען?

ד י ע ר ש ט ע  ד אַ מ ע. (ערשראָקען) מידען מען דאַרף זיי דאָ האָבען ?

ד י ע נ ע ר ג י ש ע  ד אַ מ ע. אַז מען קוקט זייער לאַנג אינדערהױך, הייבט אָן צו נודיען, און נאַשאַטירנעם ספירט האָט איהר? ניין? אָ, גאָט מיין גאָט, װי קען מען דאָס זיין אַזױ לייכטזיניג! װי זשע װעט מען אייך קענען אָבמינטערען בעת ער װעט אראָפּפאַלען? און קיין עפּי־טראָפּענס האָט איהר אויך ניט? נו, עס פערשטייהט זיך! נאָר אויב איהר זייט שוין אַליין אַזאַ... נו, מאָ האָט איהר שוין דען קיינעם ניט װאָס זאָל קענען זאָרגען פאַר אייך.

ד י ע ר ש ט ע  ד אַ מ ע. (ערשראָקען) איך װיל זאָגען מיין מאַן, ער איז אין בופעט.

ד י ע נ ע ר ג י ש ע  ד אַ מ ע. אייער מאַן איז אַ טױגעניכטס.

ד ע ר  פ אָ ל י צ י אַ נ ט. װעמעס איז דאָס עפּעס אַ מלבוש? װער האָט דאָ אַװעקגעװאָרפען די שמאַטע?

ד ע ר  א י נ ג ע ל. דאָס האָב איך געטהאָן, איך האָב דאָס אונטערגעלייגט מיין רעקעל, כדי עס זאָל איהם ניט אַזױ װייה טהאָן בְּעֵת׳ן פאַלען.

ד ע ר  פ אָ ל י צ י אַ נ ט. גלייך זאָלסטו עס צונעהמען.

אייניגע טוריסטען, מיט פאָטאָגראַפישע אפּאראטען אין די הענד שטרייטען צװישען זיך. יעדער װיל פערנעמען א בעקװעמערן פלאַץ.

ד ע ר  ע ר ש ט ע ר. איך האָב דאָ געװאָלט זיך שטעלען.

ד ע ר  צ װ י י ט ע ר. איהר האָט געװאָלט, און איך האָב זיך שוין געשטעלט.

דער ערשטער. איהר האָט זיך אָקאָרשט געשטעלט, און איך בין שוין געשטאַנען דאָ צוויי מְעֵת־לְעֵת.

דער צווייטער. פאַר וואָס זשע זיינט איהר אַוועקגעגאַנגען, און גיט געלאָזען נאָך זיך אויף אַ סִמָן האָצבי אַייער שאָטען?

דער ערשטער. צום טייוועל, איך קען דאָך ניט שטאַרבען פון הונגער!

דער יאָלד וואָס פערקויפט אַ קאַס. (געהיימניספאל, כמעט ווי בסוד) פון שילדקרעט.

דער טוריסט. (מיט כעס) נו איז וואָס?

דער יאָלד. פון אֶמֶת׳ע שילדקרעט.

דער טוריסט. גייהט אַייך צו אַלע שוואַרצע יאָהר!

אַ דריטער טוריסט, אַ פאָטאָגראַף. אום גאָטעסווילען, מאַדאַם, איהר האָט זיך געזעצט אויף מיין אַפּאַראַט.

די דאַמע: אַך, וואו איז ער?

דער טוריסט. אָט דאָ אונטער אייך, אונטער אַייך.

די דאַמע. אָבער איך בין אַזוי פערמאַטערט! פוי, וואָס פאַר אַ שלעכטען אַפּאַראַט איהר האָט! איך קוק, וואָס איז דאָס מיר אַזוי שלעכט צו זיצען, ערשט דאָס איז מַהְמַת איך זיין אויף אַייער אַפּאַראַט.

דער טוריסט. (ענגסטליך) מאַדאַם!

די דאַמע. און איך, פערשטייהט איהר מיך, האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ שטיין. איך זעה–עס ליגט עפּעס אַזוינס, און איך קלער זיך: זאָל דאָס זיין אַ שטיין–פאַר וואָס זשע איז ער אַזוי שוואַרץ? ערשט עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גאָר אַייער אַפּאַראַט.

דער טוריסט. (פערצווייפעלט) מאדאם, אום גאטעס-ווילען!...

די דאמע. אבער פארוואס-זשע איז ער אזא גרויסער? אפאראטען זיינען געוויהנליך קליינינקע, און דער איז אזא גרויסער. אויף מיין עהרען ווארט, מיר איז אויפ'ן זינען ניט ארויף, אז דאס איז אנ'אפאראט. און מיך קענט איהר אראפ-נעהמען? מיר וואלט זיך אזוי געוואלט אויפ'ן פאטאגראפירן די בערג בא אזא דעקאראציע.

דער טוריסט. אבער ווי קען איך אראבנעהמען, אז איהר זיצט אויף איהם!

די דאמע. (האפט זיך אויף אין שרעק פון איהר ארט) שטיין, פאר וואס זשע האט איהר מיר ניט געזאגט? ער נעהמט אראב?

שטימען. קעלנער, ביער!—פארוואס ברייגנט איהר ניט קיין וויין? מ'האט איך שוין לאנג בעשטעלט.—וואס ווינשען זיי?—גלייך!—די מינוט,—קעלנער!—קעלנער!—א צאהן-שטעכער!

עס גיהט אריין מיט אימפעט א דיקער א פערספעקטער טוריסט מיט זיין גאנצער געזינדעל.

דער טוריסט. (שרייט) מאשא! סאשא! פעטיא! וואו איז מאשא? אוי ווי איז מיר, וואו זשע איז מאשא?

א גימנאזיסט. (אומעטיג) זי איז דא, פאפא.

דער טוריסט. טא וואו זשע איז זי? מאשא!

די מיידעל. אט בין איך, פאפא.

דער טוריסט. וואו ביסטו, וואו? (קעהרט זיך אום) אך, דו ביסט דא! נו וואס בעהאלסט דו זיך פון הינטען? זעה נאר, זעה! וואיהן קוקסט דו? גאט מיין גאט!

די מיידעל. (אימפּעטיג) איך ווייס ניט, פּאַפּאַ.

דער טוריסט. ניין, ס'איז פון איהר ניט אויסצו־האַלטען! נו זאָגט אַליין, זי האָט קיינמאָל קיין בליין ניט געזעהען, און אַז עס קומט צו דעם, גלאָצט זי און גלאָצט מיט די אויגען, און ווי עס גיט אַ בליין־פערמאַכט זי זיי. און אַזוי האָט זי טאַקי עד היום ניט געזעהען! מאַשאַ, דו וועסט ווי־דער אַמאָל דורכלאָזען! אָט איז ער, דו זעהסט?

דער גימנאַזיסט. זי זעהט, פּאַפּאַ.

דער טוריסט. גיעב נאָר אַכטונג אויף איהר (ער בייט פּלוצלונג זיין שטימע אויף אַ טאָן פון טיעפע רחמנות) אַך, דער אומגליקליכער יונגער מענש! ניין, נאָר אַ קלער צו טהאָן, סיי־דען ער וועט באמת אָט אַזוי טאַקי אַראָבפאַלען! קוקט נאָר, קינדער, ווי בלייך ער איז: איהר זעהט שוין, ווי ס'איז גע־פעהרליך צו קלעטערען.

דער גימנאַזיסט. (אומעטיג) ער וועט היינט ניט אַראָבפאַלען, פּאַפּאַ.

דער טוריסט. רעד ניט קיין נאַרישקייט! ווער האָט דאָס געזאָגט?

די צווייטע מיידעל. פּאַפּאַ, מאַשע האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגען.

דער ערשטער גימנאַזיסט. איך וויל אַ ביסעל בזעצען זיך, פּאַפּאַ, כ'לעבען, ער וועט היינט ניט אַראָבפאַלען; מיר האָט געזאָגט דער שווייצאַר פון האָטעל.— איך קען מעהר ניט! דו שלעפּסט אונז אַרום גאַנצענע טעג אין אַלערליי גאַ־לערעיעס...

דער טוריסט. וואָס? פון וועמענס דען טובה וועגען טהו איך דאָס, האַ? דו מיינסט, כ'האָב גרויס נחת אַרום צו שלעפען זיך מיט אַזאַ שוטה ווי דו...

די צווייטע מיידעל. פּאַפּאַ, מאַשאַ פינטעלט ווידער מיט די אויגען.

דער צווייטער גימנאַזיסט. איך קען אויך מעהר ניט אויסשטייהן. כ'האָב די גאַנצע צייט שרעקליכע חלומות; היינט האָבען זיך מיר די גאַנצע נאַכט געחלומט די קעלנער פון האָטעל.

דער טוריסט, פּעט'קאַ!

דער ערשטער גימנאַזיסט. און איך בין געוואָרען אַזוי אויסגעמאָרעט, אַז ס'איז געבליבען פון מיר ניט מעהר ווי הויט און ביינער. איך קען מעהר ניט, פּאַפּאַ, מעגסט מיך אָבגעבען צו אַ פּאַסטוך, צו אַ סווינאָפּאַס...

דער טוריסט. סאַשקאַ!

דער ערשטער גימנאַזיסט. ס'איז נאָך גערעדט, ווען ער וואָלט באמת אַראָבפּאַלען; אָבער אַלע פּלוידערען און איהר גלויבט. און אייער בעדעקער אויך. אייער בעדעקער זאָגט אויך ליגען.

מאַשאַ. (טרויעריג) פּאַפּאַ, קינדער, ער הייבט שוין אָן צו פּאַלען.

דער יונגער מענש שרייט עפּעס פונדערהויך. ס'ווערט אַ גערידער, ס'הערען זיך שטימען: „זעהט, זעהט, ער פּאַלט שוין!" אַלע הייבען אויף זייערע בינאָקלען, אייניגע פאָטאָגראַפען הייבען אָן אין היילענים צו קנאַקען מיט זייערע אַפּאַראַטען. די פּאָליציאַנטען הייבען אָן ענערגיש אָבצוזייניגען דעם פּלאַץ צום פּאַלען.

דער פאָטאָגראַף. צום טייוועל! וואָס האָב איך דאָס געטהאָן... אָט דאָס איז וואָס מע זאָגט, אַז פון גרויס הייַלענים קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

דער צווייטער פאָטאָגראַף. קאָלעגאַ, ביי איך אין אַפּאַראַט איז דער אָביעקטיוו גאָר צוגעמאַכט.

דער ערשטער פאָטאָגראַף. (בעקוקענדיג דעם אפּאַראט) וואָס זאָגט איהר צו דעם!

שטימען. שטילער! ער קלייבט זיך צו פאַלען.—ניין ער זאָגט עפּעס.—ניין, ניין, ער פאַלט! שטיללער!

דער אונבעקאַנטער. (מיט א שוואכער שטימע) ראַטעוועט!..

דער דיקער טוריסט. אַך, דער אָרעמער יונגער מענש! מאַשאַ! פּעטיאַ! אָט איז אַיך אַ טראַגעדיע: דער הימעל איז קלאָר, דער וועטער איז שיין, און ער דאַרף באלד פאַלען און געהרגע'ט ווערען אויף טויט. דו פערשטייהסט, סאַשאַ, ווי שרעקליך דאָס איז!

דער גימנאַזיסט. (אומעטיג) איך פערשטייה.

דער טוריסט. און דו, מאַשאַ פערשטייהסט? דו בעקלער זיך נאָר, אָט איז דער הימעל, אָט זיצען זיך מענשען ביי'ם פרישטאָג, ס'איז אַ נחת צו קוקען, און ער דאַרף אַראָבפאַלען. וואָס פאַר אַ טראַגעדיע! פּעטיאַ, דו געדיינקסט האַמלעט'ען?

די צווייטע מיידעל. (זאגט אונטער) האַמלעט, דער דענישער פרינץ און עלסינאָר.

פּעטיאַ. (מיט א זויערע מינע) אין העלסינגפאָרס, נו, יאָ, איך ווייס. וואָס האָט איהר זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, פּאַפּאַ?

מאַשאַ. (אומעטיג) עס האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט געחלומט די קעלנערס פון האָטעל.

**סאַשאַ.** איהר וואָלט בעסער בעשטעלט בוטערבראָדען
אויף צוצובייסען.

**דער יאָלד** וואָס פערקויפט אַ קאַם. (אזוי ווי בסוד)
אַ שילדקרעטענער, אַנ'עבט־שילדקרעטענער.

**דער טוריסט.** (צוטרוייליך) אַ גענאַנבע'טער?

**דער יאָלד.** וואָס רעדט איהר, מיין הער!

**דער טוריסט.** (מיט כעס) אויב ער איז ניט גענאַנ־
ב'עט, ווי קען ער זיין פון עכט־שילדקרעט?

**די ענערגישע דאַמע.** (גוטמוטיג) דאָס אַלין זיינען
אייערע קינדער?

**דער טוריסט.** יאָ, מאַדאַם. אַ פאָטער האָט אַלע מאָל
צו טהאָן... ווי איהר זעהט, זיי פראָטעסטירען; איהר ווייסט דאָך,
מאַדאַם, אַז צווישען עלטערען און קינדער איז פון אייביג אָן
ניטאָ קיין אַחדות... דאָ איז אַזאַ שרעקליכע טראַגעדיע, דאָס
האַרץ קען פּלאַצען פון ווייהטאָג... מאַשאַ, דו הייבסט ווידער
אָן צו פינטלען מיט די אויגען?

**די ענערגישע דאַמע.** איהר זייט זייהער גערעכט:
קינדער דאַרף מען זעהען צו פערהאַרטען. אָבער זאָגט מיר,
פאַר וואָס רופט איהר עס אַ שרעקליכע טראַגעדיע? אַ ליאַדראַ
בלעכער וואָס דעקט אַ דאַך קומט אויס אַראָבצופאַלען פון אַ
פיעל גרעסערע הויך. נו וויפיעל קען דאָ זיין—הונדערט, צוויי־
הונדערט פוס? און איך האָב געזעהן ווי אַ מענש איז געפאַ־
לען גלייך פון הימעל.

**דער טוריסט**; (ענטציקט) וואָס איהר רעדט! סאַשאַ,
קינדער, איהר הערט?–גלייך פון הימעל.

די ענערגישע דאַמע. נו יאָ, דאָס איז געווען איינער וואָס איז געפלויגען אין אַ לופט־באַלאָן. ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען פון די וואָלקענס און — טראַך, גלייך אויף איין אייזערנעם דאַך.

דער טוריסט. אַ שרעק צו הערען!

די ענערגישע דאַמע. אָט דאָס איז אַ טראַגע־דיע! צוויי שעה גאַנצע האָט מען אויף מיר געגאָסען וואַסער פון אַ פּלומפּ ביז מע האָט מיך אָבגעמינטערט. זיי האָבען מיך שיער ניט דערטרונקען, די פּאַרלעצעס! פון יענעמאָל טראָג איך אַלע מאָל מיט זיך נאַשאַטירנעם ספּירט.

עס קומט אָן אַ שלעפער־באַנדע פון איטאַליעניּשע כּלי־זמר און זינגער: אַ קליינינקער, אַ דיקער טענאָר מיט אַ געלער בערדעל, מיט גרויסע נאַריש־פרומעריּשע אויגען: ער זינגט האָניג־זיס. אַ מאָגערער הויקער אין אַ זשאַקיי־מיץ זינגט מיט אַ גרילצענדער באַריטאָן שטימע. אַ באַס מיט אַ רויבער־געזיכט זינגט, צו־שפּיעלענדיג אויף אַ מאַנדאָלינע. אַ אויסגעדאַרטע מויד מיט אַ פּיעדעל גלאָצט מיט די אויגען, אַזוי אַז מע זעהט מעהר ניט ווי די ווייסאַפּעל. זיי שטעלען זיך אַלע אין איין שורה און זינגען:

Sul mare lucido l'astro dargento,
Placida è l'onda prospero è il vento.
Venite all'agile... Barchetta mia... Santa Lucia...

מאַשאַ. פּאַפּאַ, קינדער, זעהט: ער הייבט אָן צו מאַכען מיט די הענד.

דער טוריסט. צו זאָל דאָס די מוזיק האָבען גע־ווירקט אויף איהם?

די ענערגישע דאַמע. ס'איז זייהער מעגליך, אין

אַלגעמיינעם, אַלע אַזעלכע זאַכען ווערען געמאַכט מיט מוזיק־בעגלייטונג. נאָר אַזוי ווערט ער אראָבפאַלען גיכער ווי עס געהער. עי, איהר כְּלֵי־זֶמֶר, אַוועק פון דאנען! אַוועק, אַוועק!

עס קומט אָן אַ הויכער טוריסט מיט פערדרייהטע וואָנצעס · נאָך איהם גייהען נאָך אייניגע נייגעריגע · דער טוריסט זשעסטיקולירט ענערגיש מיט די הענד ·

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. דאָס איז אַ רְצִיחָה! פאַר וואָס ראַטעוועט מען איהם ניט? מיינע הערען, איהר האָט אַלע געהערט ווי ער האָט געשריעהען: ראַטעוועט מיך?

ד י נ י י ג ע ר י ג ע. (אַלע צוזאַמען) אַלע האָבען דאָס געהערט.

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. אָט זעהט איהר! איך האָב אויך געהערט טאַקי אָט די ווערטער: „ראַטעוועט מיך". פאַר וואָס זשע ראַטעוועט מען איהם ניט? דאָס איז אַ רְצִיחָה! עי, פאָליציאַנט! פאַר וואָס ראַטעוועט איהר איהם ניט? וואָס טהוט איהר דאָ?

ד ע ר פ אָ ל י צ י אַ נ ט. מיר ריינִיגען אָב דעם פּלאַץ צום פאַלען.

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. אַ, דאָס איז גוט; אָבער פאַרוואָס ראַטעוועט איהר איהם ניט. איהר דאַרפט איהם ראַטעווען, דאָס איז אייער פפליכט פון מענשען־ליעבע, ווי באַלד נאָר אַ מענש בעט מע זאָל איהם ראַטעווען, מוז מען איהם ראַטעווען. ניט אֶמֶת, מיינע הערען?

ד י נ י י ג ע ר י ג ע. (אַלע צוזאַמען) אֶמֶת, אֶמֶת! מע מוז איהם ראַטעווען.

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. (מיט האַרץ) מיר זיינען ניט קיין געצענ־דיענער, מיר זיינען קריסטען, מיר דאַרפען ליעב האָ־

בען איינער דעם אַנדערען. ווי באַלד נאָך ער בעט ראַטעווען איהם, דאַרפֿען אָנגענומען ווערען אַלע מיטלען וואָס די אַדמי־ניסטראַציע האָט ביכולת אָנצונעהמען. ע׳, פּאָליציאַנט! איהר האָט אָנגענומען אַלע מיטלען?

דער פּאָליציאַנט. אַלע.

דער הויכער טוריסט. אַלע ביז איינעם, מיינע הערען, אַלע מיטלען זיינען אָנגענומען. ע׳, יונגער מאַן, הערט וואָס איך זאָג אייך — מ׳האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו ראַטע־ווען אייך. איהר הערט?

דער אונבעקאַנטער. (מיט א שוואַכער שטימע) ראַ־טעוועט!...

דער הויכער טוריסט. (אויפגערעגט) מיינע הערען, איהר הערט: ער האָט נאָך א מאָל א געשרייה געטאָהן: „ראַטע־וועט", ע׳, פּאָליציאַנט, איהר האָט געהערט?

איינער פון די נייגעריגע. (מיט א ניט זיכערען אויס־דרוק) נאָך מיין מיינונג נאָך, מוז מען איהם ראַטעווען.

דער הויכער טוריסט. אָט דאָס זאָג איך דאָך שוין פון צוויי שעה און איך הער דאָס ניט אויף צו טַעֲנה׳ען. ע׳, פּאָליציאַנט, איהר האָט געהערט? דאָס איז אַ רְצִיחָה!

דער זעלבער פון די נייגעריגע. (מיט מעהר מוט) נאָך מיין מיינונג נאָך דאַרף מען זיך ווענדען צו דער העכע־רער אַדמיניסטראַציע.

די איבריגע. (אַלע צוזאַמען) יאָ, יאָ, מע דאַרף אָנ־געבען א זשאַלאָבע: דאָס איז אַ רְצִיחָה. די רעגירונג דאַרף ניט לאָזען איהרע בירגער אין א סַכָּנָה. מיר אַלע צאָהלען דאָך פּאָ־דאטקעס, מע מוז איהם ראַטעווען.

דער הויכער טוריסט. און וואָס זאָג איך? ס'פערשטייהט זיך, אז מע מוז גייהן אָנגעבען א זשאלאָבע... הערט, יונגער מאן, איהר צאָהלט פאָדאטקעס? וואָס? איך הער ניט.

דער דיקער טוריסט. פעטיאַ! קאַטיאַ! הערט נאָר וואָס פאר א טראגעדיע!–אַך, דער אָרעמער יונגער מענש! ער דאַרף באלד אראָבפאלען, און פון עם פאָדערט מען ער זאָל אָבצאָהלען וואויהנונג-שטייער.

קאטיא. (אַ מיידעלע אין ברילען, מיט בקיאות) צו קען מען דאָס דען אָנרופען א וואוֹיהנונג, פאפא? א וואוֹיהנונג הייסט דאָך...

פעטיא. (קנייפט איהר) אג, דו הניפּושניצע!

מאשא. (אומעטיג) פאפא, קינדער, זעהט–ער הייבט ווי-דער אָן צו פאַלען.

עס ווערט ווידער אַ טומעל מיט די זעלביגע געשרייען מיט די היילענים פון די פאָטאָגראַפּען.

דער הויכער טוריסט. מע דאַרף ניט מאכען קיין שהיות. זאָל זיין וואָס עס וויל, מע דאַרף איהם ראטעווען! ווער גייהט מיט מיר?

די נייגעריגע. (אַלע צוזאַמען) מיר אַלע, אלע!

דער הויכער טוריסט. עי, פּאָליציאַנט, איהר האָט געהערט? קומט זשע, מיינע הערען.

זיי גייהען אַוועק, מאַכענדיג שטאַרק מיט די הענד, אין בי-פעט ווערט אַלץ לעבהאַפטער: ס'הערט זיך אַ קלינגעריי פון ביער גלעזער און אַנ'אָנפאַנג פון אַ דייטשער ליעד. אַ צוטו-מעלטער קעלנער לויפט אָב אָנאַזייט, קוקט מיט אַ פערצווייפעלטער מינע אויפ'ן הימעל און ווישט אָב מיט אַ סערוועטקע

דעב שוויס פון פּנים · פון אַלע זייטען הערען זיך געשריי־
הען: קעלנער, קעלנער!

ד ע ר א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר. (געגוג דייטליך) קעלנער, צו
קענט איהר מיר ניט דערלאַנגען א גלאָז סאָדע וואסער?

דער קעלנער קוקט ערשטוינט אויפ'ן הימעל, זוכט מיט די
אויגען דעם אונבעקאַנטען און גייהט אַוועק מאַכענדיג זיך ניט
הערענדיג. שרעקליכע געשרייהען: קעלנער, ביער!

ד ע ר ק ע ל נ ע ר. באלד, די מינוט, באלד, באלד!

עס גייהען צו צוויי שכורע הערען פון בופעט·

ד י ד א מ ע. אך, אָט איז מיין מאַן! אהער, קום גיכער
אהער!

ד י ע נ ע ר ג י ש ע ד א מ ע. וואָס זאָגט איהר אויף דעם
פּאָרלעין!

ד ע ר ש כ ו ר. (אַוועקמאַכענדיג מיט'ן האַנד) עי, איהר דאַרט
אינדערהויך, וואָס, זייהער ניט גוט? א?

ד ע ר א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר. (גאַנץ דייטליך) ניט גוט. ס'איז
מיר שוין נמְאָס וּמָאוּס געוואָרען.

ד ע ר ש כ ו ר. און קיין ביסעלע מַשְקֶה קען מען אויך
ניט נעהמען?

ד ע ר א ו נ ב ע ק א נ ט ע ר. גאָר ניט צו דיינקען!

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר ש כ ו ר. וואָס פּלוידערסט דו, ווי
קומט ער צו מַשְקֶה? דער מענש דאַרף שטאַרבען און דו
יועקסט זיין יֵצֶר־הָרָע. עי, רֶב קָרוֹב! מיר מאַכען די גאַנצע
צייט להיים פאר אייער געזונד. וועט דאָס אייך חָלִילָה, ניט
שאַטען?

ד ע ר ע ר ש ט ע ר ש כ ו ר. וואָס פּלוידערסטו, ווי קען
דאָס איהם שאַטען? דאָס קען איהם נאָר צוגעבען מוט. עי,

רֶבּ קָרוֹב, בּ'לִיבּען, מיר האָבּען אויף אייך רַחֲמָנוּת; נאָר זאָל דאָס אייך ניט ארען: מיר וועלען באלד ווידער אוועק צוריק אין בּוּפעט.

דער צווייטער שכּור. זעה נאָר וויפיעל עוֹלָם עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבּען!

דער ערשטער שכּור. קום אַקאָרשט, ער קען באלד אראָבּפאלען, וועט מען צומאַכען דעם בּופעט.

עס קומט אַן אַ נייע פּאַרטיע טוריסטען. בּראש גייהט אַ זעהר עלעגאַנטנער הער—אַ קאָרעספּאָנדענט פון די גרעסטע אייראָפּייאישע צייטונגען. מע זעהט אַז זיינע בּעגלייטער בּעציהען זיך צו איהם בְּיִרְאַת הַכָּבוֹד. פיעל פערלאָזען דעם בופעט און גייהען אַ קוק טהאָן אויף עס. אַפילו דער קעלנער זשאַלעוועט ניט קיין עטליכע איבּעריגע טריט, וואַרפט אויף איהם אַ שנעלען בּליק און טראָגט זיך וויטער מיט אַ פרייהליכע שמייכעל, פאַנאַנדערפליסקענדיג עפּעס פון אַ שיסעלע וואָס ער האַלט אין האַנד.

שטימען. דער קאָרעספּאָנדענט! דער קאָרעספּאָנדענט! זעהט, זעהט!

די דאַמע. אַך, מיין גאָט—און מיין מאַן איז ווידער ניטאָ!

דער דיקער טוריסט. פּעטיאַ, מאשא, סאשא, קאטיא, וואסיא, זעהט, זעהט!—אָט דאָס איז אַן'אָבּער־קאָרעספּאָנדענט.—איהר פערשטייהט, אַ הויפּט-קאָרעספּאָנדענט פון די גרעסטע צייטונגען: ווי ער ווֹעט אָנשרייבּען, אזוי וועט דאָס זיין.

קאַטיאַ. מאשעטשקאַ, דו קוקסט ווידער ניט אהין.

מאשקא. האַי וואָלט איהר בּעסער בּעשטעלט בּוטערבּראָדען! איך קען ניט, פּאפּא! א מענשען דאַרף מען געבּען עסען...

דער דיקער טוריסט. (מיט געפיהל) וואָס פאַר א טראַגעדיע! מיין טייערע קאטיעטשקא, דו פערשטייהסט, ווי שרעקליך דאָס איז: אזא פראכטפאָלער וועטער—און דער הויפּט קאָרעספאָנדענט! נעהם אקאָרשט ארויס דאָס ביכעלע, פעטיא, דאָס נאָטיץ־ביכעלע נעהם ארויס!

פעטיא. איך האָב עס פערלאָרען, פאפא.

דער קאָרעספאָנדענט. וואו זשע איז ער?

שטימען. (מיט גליקליכקייט) אָט דאָרט איז ער, אָט דאָרט! עטוואָס העכער, נאָך העכער! עטוואָס נידעריגער! ניין, העכער!

דער קאָרעספאָנדענט. ערלויבט מיר, ערלויבט, מיינע הערען. איך וועל אליין געפינען. אהא, אָט איז ער! יאָ, יאָ, דאָס איז א לאגע...

דער טוריסט. אֶפְשָׁר ווילט איהר א ביינקעלע?

דער קאָרעספאָנדענט. איך דאנק אייך (ער זעצט זיך) יאָ, א שיינע לאגע! זייהער אינטערעסאנט. (ער גרייט צו דאָס נאָטיצביכעל; צו די פאָטאָגראַפען, העפליך) איהר האָט שוין פאָטאָגראפירט, מיינע הערען?

דער ערשטער פאָטאגראף. ווי הייסט, ווי דען, געגעבען דעם אלגעמיינעם האראקטער פון דער געגענד.

דער צווייטער פאָטאָגראף. די לאגע פון'ם יונגען מענשען איז זייהער טראגיש...

דער קאָרעספאָנדענט. יאָ, יאָ! זייהער, זייהער אינטערעסאנט.

דער דיקער טוריסט. קאשקא, דו הערסט? א קלוגער מענש, א הויפּט־קאָרעספאָנדענט און זאָגט אז ס'איז

וויהער אינטערעסאנט, און דו—בוטערבראָדען!—-באַלוואן!

טאשקא. ס'קען דאָך זיין, אז ער האָט זיך שוין אָנגעגעסען...

דער קאָרעספאָנדענט. מיינע הערען, איך בעט איך, עס זאָל זיין שטיל.

אַ בערייטוויליגע שטימע. ע', דאָרט אין בופעט, שמילער!

דער קאָרעספאָנדענט. (שרייט צום יונגען מענשען אינדערהויך) ערלויבט מיר זיך פאָרצושטעלען: דער הויפט קאָרעספאָנדענט פון דער אייראָפייאישער פרעססע. איך בין ספעציעל קאָמאַנדירט אַהער פון מיין רעדאַקציע. כ'וואָלט געוואָלט איך פרעגען איינינע זאַכען וועגען אייער לאַגע. ווי רופט מען איך? ווי איז אייער נאָמען? אייער געזעלשאפטליכע לאַגע? ווי אלט זייט איהר?

דער אונבעקאַנטער. (מורמעלט עפּעס).

דער קאָרעספאָנדענט (אַביסעל פערחדושט) מ'הערט נאָרניט. איז ער די גאַנצע צייט אַזוי?

שטימען. יאָ, מ'קען איהם גאָר ניט פערשטייהן.

דער קאָרעספאָנדענט. (פערשרייבט עפּעס אין ביכעל) וויהער גוט! האָט איהר ווייב און קינדער?

דער אונבעקאַנטער. (מורמעלט עפּעס).

דער קאָרעספאָנדענט. איך הער ניט! איהר האָט אַ ווייב, יאָ? רעדט העכער!

דער טוריסט. ער האָט געזאָגט אַז ער איז נאָך אַ בָחור.

דער צווייטער טוריסט. וואָס רעדט איהר! ער האָט געוויס אַ ווייב.

דער קאָרעספאָנדענט. (נאַכלעסיג) אַזוי מיינט איהר? וועלען מיר טאַקי אַזוי פערשרייבען: האָט א ווייב. — וויפיעל קינדער האָט איהר? וואָס? איך הער ניט, דאַכטזיך ער האָט געזאגט: דריי? הם... לאָמיר בעסער שרייבען פינף.

דער דיקער טוריסט. אך, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע, פינף קינדער. א גרויל!

די ענערגישע דאַמע. ס'איז א ליגען.

דער קאָרעספאָנדענט. (שרייט) ווי קומט איהר אַהין אויבען? וואָס? איך הער ניט, העכער! זאָגט נאָך אַ מאָל! וואָס האָט איהר געזאָגט? (קוועטשט מיט די פלייצעס. צום פובליקום) וואָס רעדט ער דאָרט? דער נֶפֶש האָט וויהער אַ שוואַכע שטימע

דער ערשטער טוריסט. ווי מיר דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט אַז ער איז פערבלאָנדזעט געוואָרען.

דער צווייטער טוריסט. ניין, ער פערשטייהט אַליין ניט פונוואנען ער האָט זיך אהין גענומען.

שטימען. ער מוז זיין א יעגער — ער האָט ארומגע-קלעטערט איבער די פעלזען-שטיינער - ס'היבט זיך ניט אָן, ער איז פראָסט א לונאַטיקער!

דער קאָרעספאָנדענט. ערלויבט נאָר, ערלויבט, מיינע הערען — אין יעדען פאַל איז ער דאָך ניט פון הימעל אַראָבגעפאַלען. און צוריק שמועות'ענדיג... (פערשרייבט געשווינד). דער אומגליקליכער יונגער מענש... ליידט פון קינדווייזאָן פון מאָנד-זוכט אַנפאַלען... די ליכטיגע שיין פון דער פולער לבָנָה...

ווייסטע פעלזען... דער פערשלאָפּענער שווייצאר... האָט ניט גוט אויפגעפּאַסט...

ד ע ר ע ר ש ט ע ר ט ו ר י ס ט. (שטילערהייד צום צווייטען) איצט אָקאָרשט איז דאָך ערשט געווען דער מולד.

ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר ט ו ר י ס ט. אַך, איהר מיינט, דער עולם פערשטייהט עפּעס אין אסטראָנאָמיע?

ד ע ר ד י ק ע ר ט ו ר י ס ט. (ענטציקט) מאַשאַ! בעמערק נאָר–אָט האָסטו אַ דייטליכען ביישפּיעל, וואָס פאַר אַ ווירקונג די לְבָנָה, האָט אויף לעבעדיגע אָרגאַניזמען. אָבער וואָס פאַר א שרעקליכע טראַגעדיע: ארויסגייהן שפּאַצירען ביי דער העלער לְבָנָה און פּלוצלונג–פערקלעטערען אַזוי הויך, אַז מען זאָל גאָר ניט קענען אראָבנעהמען!

ד ע ר ק אָ ר ע ס פּ אָ נ ד ע נ ט. (שרייהט) וואָס פיהלט איהר? איך הער ניט. העכער! אך, אזוי!... יאָ, יאָ, א שיין שטיקעל לאגע...

ד אָ ס פּ ו ב ל י ק ו ם. (נייגעריג) הערט נאָר, הערט, וואָס ער פיהלט. א גרויל, א גרויל!

ד ע ר ק אָ ר ע ס פּ אָ נ ד ע נ ט. (פערשרייבט, לעזענדיג פראַ-גמענטווייז) די גלידער זיינען ווי געשמיעדט פון טויט שרעק... דאָס בלוט גליווערט אין די אָדערען... קיין פונק פון האָפנונג... דורך די געדאַנקען גייהען דורך גליקליכע בילדער פון פאמיליען-לע-בען: די פרוי מאכט קליינינקע בוטערבראָדען צום טיי, פינף קליינע קינדערלאך מיט אונשולדיגע, הימעלשע קל׳בעלאך דריי-קען אוים צערטליכסטע געפיהלען... די באָבעניו זיצט אין פאָ-טעל מיט דער פּיפּקע אין מויל... ניין, דאָס הייסט, דער זיידעניו מיט דער פּיפּקע. און די באָבעניו... זייהער געריהרט פונ׳ם

מיטגעפיהל, וואס ער בעמערקט אין פובליקום... האט אויס-געדריקט זיין ווילען, אז זיין לעצטער זיפץ פאר'ן טויט זאל ווערען אָבגעדרוקט אין אונזער צייטונג...

די ענערגישע דאמע. (עמפערט) וואסזפאר א ליג-נער דאס איז!

מאשא (אומעטיג) פאפא, קינדער, זעהט—ער הויבט ווידער אָן צו פאלען.

דער דיקער טוריסט. (אין כעס) לאָז מיך צו רוה! דאָ איז אזא טראגעדיע, און דו... נו, וואס גלאצסט דו מיט די אויגען?

דער קאָרעספאָנדענט. (שרייט) האלט זיך שטארקער! אט אזוי, אזוי! נאך א לעצטע פראגע: וואס וואלט איהר געוואָלט איבערגעבען אייערע מיטבירגער, איידער איהר וועט איבערגיין אין א בעסערע וועלט?

דער אונבעקאנטער. (מיט א שוואכער שטימע) זיי זאָלען אלע גייהן צום טייוועל.

דער קאָרעספאָנדענט. וואס? אהא, איך פער-שטייה (פערשרייבט אינדערגיך) די הייסע ליעבע... דעם לעצטען זיי-געזונד... ענטשיעדען געגען דער גלייכגילטיגקייט פון די נעג-רען... מיין לעצטער וואונש אז אט די שווארצע טייוואָלים זאָלען קיינמאָל ניט...

א פאסטאָר. (שטופט זיך דורך פערסאָפעטערהייט) וואו זשע איז ער? אהא, אט איז ער! דער אומגליקליכער יונגער מענש! מיינע הערען, דאָ איז נאך קיינער ניט געוועזען פון די גייסטלי-כע? ניין? דאנקע שיין. איז דאס מעגליך אז איך בין דער ערשטער?

דער קארעספאָנדענט. (פערשרייבט) א שרעקלי־בער מאָמענט... געקומען דער גייסטליכער... ביי אלעמען האָט פערהאפט דער אָטהעם, פיעל וויינען!...

דער פאַסטאָר. ערלויבט, ערלויבט, מיינע הערען און דאַמען! אַ זינדיגע גְשָׁמָה וויל מאכען די לעצטע הֲכָנוֹת צום הימעל. (שרייהט) מיין זוהן, צו ווילט איהר זיך צוגרייטען צום הימעל? זייט זיך מִתְוַדָּה פאר מיר אין אייערע עֲבֵרוֹת, און איך וועל זיי אייך גלייך מְכַפֵּר זיין. וואָס? איך הער ניט.

דער קאָרעספאָנדענט. (פערשרייבט) פון אַלע זייטען הערט זיך אַ יאָמערליכער געוויין. מיט ריהרענדע ווערטער רעדט איין דער גאָטעס-דיענער דעם פערברעכער, ד. ה. דעם אומגליקליכען... ווילבער דאַנקט איהם מיט אַ שוואַכער שטימע און מיט טרעהרען אין די אויגען...

דער אונגעקאַנטער. (מיט אַ שוואַכער שטימע) עי, איהר... איך איהר וועט פונדאַנען ניט אַוועקגייהן, וועל איך אַראָבשפרינגען גלייך אויף אייערע קעפּ. איך וועג זעקס פוד.

אַלע שפרינגען אָב צוריק אין שרעק און בעהאַלטען זיך איינער אונטער דעם אַנדערען.

שטימען. ער פאַלט, ער פאלט!

דער דיקער טוריסט. (אויפגערעגט) מאַשא, סאַשא, פעטיא!

די פאָליציאנטען. (ענערגיש) מאכט א פלאץ, איך בעט אָבצוזיינגען דעם פלאץ.

די דאמע. לויף גיכער, זוך אויף דעם פאפא, זאָג: ער פאַלט.

דער פאָטאָגראף. (פערצווייפעלט) אָ, מיין גאָט, און ביי מיר אין אפאראט זיינען די גלעזער גיט צוגעגרייט (וואַרפט

זיך אויף אַלע זייטען, קוקענדיג אויפ'ן אונבעקאַנטען) איין מינוט, איך וועל באלד! זיי ליגען דאָרט ביי מיר אין אויבער-ראָק (ער גייהט אַב אביסעל אין אַזייט, אַלץ קוקענדיג אויפ'ן אונבעקאַנטען, נאָר ער קעהרט זיך אום גלייך צוריק) ניין, איך קען ניט, אָבער טאָמער וועט... אָ, מיין גאָט! זיי ליגען ביי מיר דאָרט אין אויבער-ראָק! איך וועל באלד, אָט די מינוט. וואָס טהוט מען דאָ!...

דער פּאַסטאָר. פערלירט ניט קיין צייט, מיין פריינד, טהוט זיך אָן אַ כּוח אונ זייט זיך מתודה האָן אין די הויפּט עבירות, קליינינקייטען וועלען מיר שוין אָפּליינען אן א זייט.

דער דיקער טוריסט. וואָס פאר א טראגעדיע!

דער קאָרעספּאָנדענט. (פערשרייבענדיג) דער פּער-ברעכער, ד. ה. דער אומגליקליכער איז זיך מתודה בפני כל עם ועדה... ס'ווערען ענטפלעקט שרעקליכע זאַכען... דער רוצח, וואָס האָט געוואָרפען אַ באָמבע אין קאנטאָר פונ'ם באנקיר...

דער דיקער טוריסט. (בתמימות) אָ, וואָס פאר א פאָדלעץ!

דער פּאַסטאָר. (שרייט) ערשטענס, צו האָט איהר ניט עובר געווען אויף „לא תרצח"? צווייטענס-אויף „לא תגנוב"? און דריטענס—אויף „לא תנאף"?...

דער דיקער טוריסט. מאשא, פעטיא, קאטיא, כאשא, וואסיא, פערשטעקט די אויהערען!

דער קאָרעספּאָנדענט. (שרייבט) דאָס אויפגערעגטע פּובליקום... עמפּערונגס אויסגעשרייען...

דער פּאסטאָר. (מיט היילענים) פערטענס, צו האָט איהר חלילה ניט מחלל השם געווען? פינפטענס, צו האָט איהר

ניט בעגעהרט אייער פריגדס איזעל? זיין אָקס, זיין קנעכט, זיין ווייב? זעקסטענס...

**דער פאָטאָגראַף.** (אונגרוהיג) מיינע הערען, אנ'איזעל!

**דער צווייטער פאָטאָגראַף.** וואו, וואו איז אנ'אייזעל? איך זעה ניט.

**דער ערשטער פאָטאָגראַף.** (רוהיגער) מיר האָט זיך אויסגעוויזען.

**דער פאַסטאָר.** איך גראטולירע איך, מיין זוהן, איהר זיינט שוין צוגעגרייט צום הימעל. יעצט קענט איהר שוין רו־ הוג... אך, מיין גאָט, וואָס זעה איך? מיטגלידער פון דער „רעטונגס-ארמיי"? עי, פאָליציאנטען, טרייבט זיי אוועק פון דאנען!

עטליכע מיטגליעדער פון דער „רעטונגס־אַרמיי", מאַנסביל און פרויען אין פאַראַד־מונדירען, מיט מוזיק קומען אָן אויפ'ן פלאַץ. די מוזיק בעשטייהט נאָר פון דריי אינסטרומענטען: אַ פויק, אַ פידעל און עפּעס אַ גרילצענדער טרומייט.

**דער ערשטער מיטגליעד פון דער „רעטונגס אַרמיי"** (פויקט מיט'ן גאַנצען כּח און שרייט, לאַנגזאַם, און נאָז) ברי־ דער און שוועסטער...

**דער פאַסטאָר.** (וויל איהם איבערשרייהען און שרייהט נאָך העכער און נאָך מעהר אין נאָז) ברידער, ער האָט זיך שוין מתודה געווען. איהר זייט עדות, מיינע הערען! ער האָט זיך שוין מתודה געווען און צוגעגרייט זיך צום הימעל.

**דער צווייטער מיטגליעד, פון דער „רע־ טונגס אַרמיי", אַ דאַמע.** (קריכט אַרויף אויף אַ שטיין און שרייט יאָמערליך) אָט אזוי ווי דער זינדיגער האָב איך געבלאָנדזעט אינ־ דערפינסטער און האָב געזינדיגט מיט שכּרות, ביז די ליכט פון וואַרהייט...

שטימען. זי איז יעצט אויך שבור ווי לוט.

דער פאסטאר. הער פאליציאנט, איהר האט געהערט ווי ער האט זיך מתודה געווען און האט זיך צוגעגרייט צום הימעל?

דער ערשטער מיטגליעד פון דער „רעטונגס־ארמי פויקט משוּגע׳נער־וויז אין פויק, די איבעריגע הייבען אן צו זינגען א ליעד. ס׳הערען זיך געשרייהען, געלעכטער און פייפערייו, פון בופעט הערט זיך אויך געזאנג און געשרייהען: מע רופט דעם קעלנער אין אלערליי שפראכען. די צוטומעלטע פאליציאנטען סטארען זיך ווי עס איז ארויסצודרייהען זיך פון דעם פאסטאר, וואס שלעפט זיי, אז זיי זאלען מיט איהם ערגעץ, גייהן די פאטאגראפען דרייהען זיך ארום ווי פערטשאדעטע. ס׳קומט אן, רייטענדיג אויף אנ׳אייזעל, א טוריסטקע, אנ׳ענגלענדערין. דער אייזעל שפארט זיך איין מיט די פעדערשטע פיס, וויל מעהר ניט גייהן און הייבט אן צו שרייהען גלייך מיט אלעמען. איינינע ווערען שטילער. די „רעטונגס־ארמיי" הייבט אן איועקצוגייהן מיט פאראדע פאסטאר גייהט אויך אוועק גלייך נאך איהר, מאכענדיג מיט די הענד.

אנ׳ענגלענדער, א טוריסט. (צום צווייטען) וואס איז דאס פאר א סטאטעק, אט די גאנצע האליאסטרע קען זיך גאר ניט האלטען מעשה־מענש.

א צווייטער ענגלענדער, א טוריסט. לאמיר אוועקגייהן פונדאנען.

דער ערשטער ענגלענדער. איין מינוט (שרייט הערט, רב קרוב: אפשר וואלט איהר ניט מאכען קיין שהיות און שוין אראבפאלען?

דער צווייטער. וואס רעדט איהר, סער וויליאם?

דער ערשטער. (שרייט) כיידען איהר זעהט ניט, אז זיי ווארטען מעהר ניט ווי אויף דאָס? און, אלס דזשענטעלמען, דאַרפט איהר זיי טהאָן דעם פערגניגען, און אליין אויך פּטוּר ווערען פון אזא ערנידערונג—עפענטליך צו ליידען פאר אזא עֶרֶב־רַב.

דער צווייטער. סער וויליאם!

דער דיקער טוריסט. (ענטציקט) אָט דאָס איז א ריכ־טינער אמת! כאשא, פעטיא, הערט: מ'האָט געזאָגט אנ'אמת. וואָס פאר א טראגעדיע!

עפּעס א טוריסט. (טרעט צו צום ערשטען ענגלענדער) ווי סמעיעט איהר עס צו זאָגען?

דער ערשטער ענגלענדער. (שטופּט איהם אָב) ווארפט זיך אראָב אהן שהיות, איהר הערט, אויב אייך פעהלט מוט, וועל איך אייך אונטערהעלפען מיט א גוטען שאָס. זיינט איהר מְרוּצָה, צו ניין?

אַ שטימע. אָט דער גלעלער טייוועל האָט געמוזט משוּגע ווערען!

דער פּאָליציאַנט. (האַפּט דעם ענגלענדער פאַר'ן האַנד) איהר האָט קיין רעכט ניט דאָס צו טאָהן. איך וועל אייך ארעסטירען.

עפעס אַ טוריסט. א באַרבאַרישעס פאָלק!

דער אונבעקאנטער. (שרייהט עפּעס).

ס'ווערט אונטען אַ גערודער · מע שרייהט פון אַלע זייטען: „הערט, הערט"!.

דער אונבעקאַנטער. (אויפ'ן קול) נעהמט צו צו אַל-די שוואַ־צע יאָהר אָט דעם באַלוואַן. ער וועט מיך נאָך שיסען. און זאָגט דעם בַעַל־הַבָּת אז איך קען שוין מעהר ניט.

שטימען. וואָס זאָגט ער? וואָסער בַעַל־הַבָּת? ער רעדט, נעבאך, פון וועג.

דער דיקער טוריסט. סאשא, מאשא, אָט איז א בילד, ווי א מענש גייהט אראב פון זין. פעטיא, דערמאָהן זיך גיכער אָן האמלעט.

דער אונבעקאַנטער. (אין כעס) זאָגט אַז דער גאַנ־צער רוקען ברעבט מיר.

מאַשאַ. (אומעטיג) פאפא, קינדער, ־עהט, ער הייבט אָן צו צוקען מיט די פיס.

קאַטיאַ. זאָג, פאפא, דאָס רופט זיך קאָנוואולסיע?

דער דיקער טוריסט. (ענטציקט) כ׳ווייס ניט, ס׳קען זיין—וואָס פאַר אַ טראַגעדיע!

סאַשאַ. (מיט אַ אונצופרידענע שטימע) קאַטיאַ, וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט! לערנט און לערנט—און וויים ניט אַז דאָס רופט זיך אַגאָניע; און טראָגט נאָך ברילען! איך קען שוין מעהר גיט, פאַפאַ.

דער דיקער טוריסט. איהר בעקלערט נאָר, קינ־דער: דער מענש דאַרף באַלד אַראָבפאַלען און הַרְג׳ענען זיך אויף טויט, און וועגען וואָס זאָרגט ער? וועגען דעם רוקען!

ס׳הערט זיך אַ געפילדערי עטליכע פאַנאַנדערגעוישעטע טוריס־טען טאַסקען כמעט מיט געוואַלד עפּעס אַ דערשראָקענעם מענשען אין אַ ווייסען זשילעט. ער שמייכעלט, פערנייגט זיך אויף אַלע זייטען און מאַכט מיט די הענט. טאָ ער לויפט פאָראוים, בעת מע שטורהעט איהם פון הינטען, טאָ ער זוכט אַרויסצודרייהען זיך און פערמישען זיך אין עולם, נאָר מען חאַפּט איהם און מע שלעפּט ווייטער.

שטימען. אַזאַ געמיינע נאַרעריי! ס'איז אַג'אַקציע צו זאָגען! עי, פּאָליציאַנט, נעהמט זיך אקאָרשט צו עם!

אַנדערע שטימען. וואָס איז דאָרט? וואָס פאַר אַ נאַרעריי? וואָס האָט פּאַסירט? הערט, מ'האָט געהאַפּט אַ גַנָב!

דער מענש. (מאַכט פערנייגונגען און שמייכעלט) דאָס איז אַ קאַטאָוועס, מיינע ליעבע הערען, נאָר אַ קאַטאַוועס! דער עולם קלאָגט זיך אויף לאַנגוויילע, האָב איך איהם געוואָלט אביסעל אויפמונטערען...

דער אונבעקאַנטער. (מיט כעס) עי, בַעל-דָבָּר!

דער מענש. באַלד, באַלד.

דער אונבעקאַנטער. ביז וואַנען וועל איך דאָ אויסשטייהן, ביז תְּחִיַת הַמֵתִים? אָבגערעדט ביז צוועלף אַ זייגער, און יעצט איז וויפיעל?

אַהויכער טוריסט מיט פערדריהטע וואָנצעס.

(גאַנץ אויסערזיך) איהר הערט, מיינע הערען? ס'אָקאַזועט זיך אַז אָט דער ניעגאָדיאַי אין וויסען זשילעט האָט געדונגען אַנ'אַנ־דער ניעגאָדיאַי, און האָט עם פראָסט צוגעבונדען צום פעל־זען־שטיין.

שטימען. סיידען ער איז צוגעבונדען?

דער הויכער טוריסט. נו יאָ, צוגעבונדען און קען ניט פאַלען, מיר זיינען דאָ אלע אויפגערעגט, מיר ערגערען זיך דאָ, און ער האָט אַפילו ניט די מעגליכקייט אַראָבצופאַלען.

דער אונבעקאַנטער. ווי געפעלט ער אייך! אַ נאַר וועל איך זיין פאַר 25 רובל צו ברעכען זיך דעם האַלז און אַקען! הערט, בַעל-הַבָּת, איך קען מעהר ניט, דאָ האָט מיך עפּעס איינער, אַ משוגע'נער, געוואָלט שיסען, דער פאַס

טאָר האָט מיר דאָ צוויי שעה נאָכאַנאַנד געדולט דעם קאָפּ. — דאָס איז בּיי אונז ניט געוועזן אין אָפּרייד!

פּאַשאַ. איך האָב דיר געזאָגט, פּאַפּאַ, אַז בּעדעקער שרייבּט ליגענס, און דו גלויבּסט אַלעמען און שלעפּסט אונז אַרום ניט גענעסענער-הייד.

דער בּעל-הבּית. דער עולם קלאָגט זיך אויף לאַנגע-ווײלע... איך האָב מעהר ניט געוואָלט אַביסעל אויפמונטערען דעם עולם...

די ענערגישע דאַמע. וואָס רעדט איהר? איך הייב ניט אָן צו פערשטייהן. פאַר וואָס וועט ער ניט אראָבּ-פאַלען? ווער דען, איינענטליך, וועט פאַלען?

דער דיקער טוריסט. איך ווייס אויך ניט וואָס דאָ טהוט זיך. ס'פערשטייהט זיך, ער מוז אַראָבּפאַלען.

פּעטיא. דו ווייסט קיינמאָל ניט וואָס מיט דיר טהוט זיך, פּאַפּא, מע זאָגט דאָך דיר אַז ער איז צוגעבּונדען.

פּאשא. סיידען מע קען זיך מיט איהם צוגויפּרעדען! בּיי איהם איז אַ ליאַדא בּעדעקער טייערער ווי זיינע איינענע קינדער.

פּעטיאַ. אויך מיר א טאטע!

דער דיקער טוריסט. האלט דעם צונג.

די ענערגישע דאמע. וואָס טהוט זיך דאָ? ער מוז אַראָבּפּאלען.

דער הויכער טוריסט. ניין, איהר בּעמערקט נאָר, וואָס פאר א נארעריי! איהר וועט אונז, ר' קרוב, אָבּגעבּען דין וְחֶשְׁבּוֹן.

**דער בַּעַל־הַבָּית.** דער עולם קלאָגט זיך אויף לאנג־ווײלע, האָט קיין פּעראיבעל ניט, מײנע הערען. איך האָב גע־מיינט אייער טובה... אייניגע שטונדען אַנגענעהמע אויפרעגונג... א נערווען־אויפמונטערונג... אנ׳אויפפלאקערונג פון יאלטרואיס־טישע געפיהלען...

**אנ׳ענגלענדער.** דער בופעט איז אייערער?

**דער בעל־הבית.** מיינער.

**דער ענגלענדער.** און דער האָטעל וואָס אונטען איז אויך אייערער?

**דער בַּעַל־הַבָּית.** דער עוֹלָם קלאָגט זיך אויף לאנגווײלע...

**דער קאָרעספּאָנדענט.** (פערשרייבט) א נאַגלע נאָ־רעריי... דער אַרענדאטאָר פון בופעט, וועלענדיג פערגרעסערען די לייזונג פאר שטארקע משקאות, עקספּלאָאַטירט די איידעל־סטע מענשליכע געפיהלען... דער עוֹלָם איז מָלֵא רְצִיחָה.

**דער אונבעקאַנטער.** (אין כעס) זאָגט מיר בַּעַל־הַבָּית, ווי לאנג נאָך וועט איהר מיך דאָ האלטען?

**דער בעל־הבית.** וואָס ווילט איהר נאָך פון מיר האָ־בען? וואָס פעלט אייך? מע נעהמט אייך אראָב אין אָבענד, צו ניין?

**דער אונבעקאַנטער.** א שיינע מַעֲשֶׂה, מעהר פעהלט ניט איך זאָל נאָך דאָ בלייבען הײנגען א גאנצע נאכט!

**דער בַּעַל־הַבָּית.** נו. טאָ קענט איהר אויפוואַרטען נאָך עטליכע מינוט. דער עוֹלם קלאָגט זיך אויף לאנגווײלע...

**דער הויכער טוריסט.** ניין, איהר פערשטייהט, וואָס איהר האָט דאָ געטהאָן, הינדס־קעפּ איינע, צו ליעב איי־ערע עקעלהאפטע אבזיכטען האָט איהר עקספּלואַטירט דעם

אידעלען געפיהל פון מענשען-ליעבע. איהר האָט ביי אונז ארויס־
גערופען שרעק און מיטלייד, איהר האָט פערגיפטעט אונזער
הארץ מיט רחמנות—און וואָס לאָזט זיך אויס צום סוף? עס
לאָזט זיך אויס, אז אָט דער טויגעניכטס, אייער נידערטרעכטי־
גער קאָמפאניאָן, איז גאָר צוגעבונדען צום פעלזענשטיין, און
ניט נאָר ער ווערט ניט ארעָבפאלען, ווי אלע ווארטען אויף דאָס,
נאָר ס'איז איהם גאָר אונמעגליך צו פאלען.

די ענערגישע דאַמע. וואס רעדט איר, ער מוז
ארעָבפאלען?

ס'קומט אָן פערסאָפּעָטערהייד דער פּאַסטאָר.

דער פּאַסטאָר. וואָס, ער לעבט נאָך אהא, אָט איז
ער, ווי געפעלען אייך די שארלאטאנעס פון דער „רעטונגס־ארמיי"?

א שטימע. איהר ווייסט נאָך גאָרניט וואָס דאָ טהוט
זיך: ער איז צונעבונדען.

דער פּאַסטאָר. וואָס? צו וואָס איז ער צוגעבונדען
צום לעבען? ע, מיר זיינען אלע צוגעבונדען צום לעבען, ביז
דער טויט בינדט ניט פאנאנדער. נאָר ווי די מַעשֶׂה איז דאַרט,
צו ער איז צוגעבונדען, צו ניין, איך האַב איהם צוגעגרייט
צום הימעל! און יענע שארלאטאנעס...

דער דיקער טוריסט. עי, פּאָליציאנט! מע מוז
מאכען א פּראָטאָקאָל!

די ענערגישע דאַמע. (צוטרעָטענדיג צום בעַל־הַבָּת)
איך וועל בשום אופן ניט ערלויבען מע זאָל מיך נאַרען. איך
האָב געזעהען ווי אַ לופטשווימער איז געפלויגען פון אונטער די
וואָלקענס און – טראַך אָן אַ דאַך, געזעהען ווי אַ טינער האָט
צעריבען אַ דאמע...

אַ פאָטאָגראַף. איך האָב קאַליע געמאַכט דריי קאַ־טושקעס אין מיין אפּאַראַט, אַראָבנעהמענדיג אָט דעם טויגע־ניכטס. איהר וועט מיר, רב׳קרוב, בעצהאָלען פאַר זיי ווי אַ טאַטע!

דער דיקער טוריסט. אַ פּראָטאָקאָל, אַ פּראָטאָ־קאָל! וואָס פאַר אַ פרעכהייט! מאשא, פּעטיאַ, סאשא, וואסיא, רופט דעם פּאָליציאַנט.

דער בַּעַל־הַבָּת. (טרעט אָב, פּערצוויפעלט) איך קען דאָך איהם ניט נייטען צו פאַלען, אז ער וויל ניט. איך פון מיין צד, האָב געטהאָן וואָס כ׳האָב געקענט. אבער, מיינע הערען...

די ענערגישע דאַמע. איך וועל בשום אופן ניט ערלויבען!

דער בַּעַל־הַבָּת. ערלויבט, מיינע הערען. איך גיעב אייך מיין עהרען וואָרט, דעם אַנדער מאָל וועט ער אַראָבפאַ־לען, און איצטער וויל ער דאָך ניט!

דער אונבעקאַנטער. וואָס זאָגט איהר דאָרט וועגען אַנ׳אַנדער מאָל?

דער בַּעַל־הַבָּת. האַלט דאָרט דעם צונג!

דער אונבעקאַנטער. פאַר פינף און צוואנציג רובל?..

דער פּאַסטאָר. וואָס זאָגט איהר צום עזות פּנים! איך האָב אקאָרשט געשטעלט דעם לעבען אין סכנות, אַבי צו צוגרייטען עם צום הימעל—איהר האָט דאָך געהערט, ווי ער האָט געסטראַשעט צו פאַלען מיר אויפ׳ן קאָפּ? און יעצט איז ער נאָך גיט צופריעדען. נואף! גנב! גזלן! האָסט בעגעהרט דעם חבר׳ס אייזעל!...

דער ערשטער פאָטאָגראַף. מיינע הערען, אַנ׳אייזעל!

דער צווייטער פאָטאָגראַף. וואו, וואו איז אנ'איזעל? איך זעה ניט.

דער ערשטער פאָטאָגראַף. (בערוהיגט זיך) מיר האָט זיך אויסגעדאַכט.

דער דריטער פאָטאָגראַף. איהר זייט אליין, בְּמְחִלָה, אַנ'איזעל. צוליעב איך האָבען זיך ביי מיר די אויגען אויסגעקרימט, קוקענדיג.

מאַשאַ. (איבערטיג) פאַפּאַ, קינדער, זעהט, אָט גייהט דער פּאָליציאַנט.

עס ווערט אַ געדודער, אַ סומאַטאָחע. אַ טייל צופּען דעם פּאָליציאַנט, אַ טייל דעם בעל-הבית, און ביידע שרייען: „ערלויבט, ערלויבט מיינע הערען!"

דער דיקער טוריסט. ע, פּאָליציאַנט! אָט איז ער דער רַמַאי, דער זשוליק...

דער פאַסטאָר. פּאָליציאַנט! אָט איז ער, דער נואף דער גזלן, דער בּעגעהערער פון דעם חבר'ס איזעל...

דער פּאָליציאַנט. ערלויבט, ערלויבט, מיינע הערען אָט וועלען מיר באַלד מאַכען, אַז ער זאָל זיך מוֹדֶה זיין און תְּשׁוּבָה טהאָן.

דער בַּעַל-הַבַּת. איך קען דאָך איהם ניט נייטען צו פאַלען, אַז ער וויל ניט!

דער פּאָליציאַנט. ע, דאַרט אויבען, רֶב קָרוֹב! איהר קענט אַראָפּפאַלען, צו ניין? זאָגט דעם אמת!

דער אונבעקאַנטער. (מיט אַ ברוגז'ער שטימע) איך וויל ניט פאַלען.

שטימען. אהאַ ער האָט זיך מודה געווען! אָט אַ ניע-גאָדיאַי!

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. פּאָליציאַנט, שרייבט: אין אַבזיכט... צו מאַכען אַ גוטען געשעפט... און וועלענדיג עקס־פּלואַטירען דעם געפיהל פון מענשען־ליעבע... דעם היילינגען גע־פיהל... ע... ע... ע...

ד ע ר ד י ק ע ר ט ו ר י ס ט. קינדער, הערט, מע מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, וואָס פאַר אַ שיינע מְלִיצָה!

ד ע ר ה ו י כ ע ר ט ו ר י ס ט. דעם היילינגען געפיהל, וועלכען...

ד ע ר פּ אָ ל י צ י אַ נ ט. (שרייבט אויפמערקזאַם, ארויסשטעקענדיג דעם צונג אָנאַזייט) דעם געפיהל פון מענשען־ליעבע... דעם היילינגען געפיהל, וועלכען...

מ אַ ש אַ. (אומעטיג) פּאַפּאַ, קינדער, זעהט, אָט גייהט אַ פּובליקאַציע.

עס קומען אָן איינינגע מוזיקאַנטען מיט טרומייטען און פּויקען. פּאָר זיי פון פאָרענט גייהט עפּעס אַ יאָלד און טראָגט אויף אַ הויכען דראָנג אַ גרויסען פּלאַקאַט, אויף וועלכען ס'איז אויס געמאָלט אַ מענש מיט שרעקליך לאַנגע האָר און מיט אַנ'אויפשריפט „כ'האָב געהאַט אַ פּליך".

ד ע ר א ו נ ב ע ק אַ נ ט ע ר. פּערשפּעקטיגט! דאָ, ברידער־לעך, נייהט אַ פּראָטאָקאָל! טראָגט זיך אָב, וואָס גיבער.

ד ע ר י אָ ל ד מ י ט ' ן פּ ל אַ ק אַ ט. (שטעלט זיך אָב או הייבט אָן צו ריידען אויפ'ן קול) כ'האָב געהאַט אַ פּליך פונ'ם ערש־טען טאָג אָן וואָס איך בין געבארען געוואָרען, און אַ לאַנגע צייט נאָך דעם. די קנאַפּע ביסעל האָר, וואָס האָט בעדעקט מיין קאָפּ אויפ'ן צעהענטען יאָהר, האָט ניבער אויסגעזעהען ווי וואָל איידער ווי האָר. צו דער חַתוּנָה איז מיין קאָפּ געוועזן נאַקעט ווי אַ קירבעס, און די יונג ווייבעל...

ד ע ר ד י ק ע ר ט ו ר י ס ט. וואָס פאַר אַ טראַגעדיע, אָקאָרשט התונה געהאט און מיט אַ מאָל אזא קאָפּ—איהר פער־שטייהט, קינדער ווי שרעקליך דאָס איז?

אַלע הערען־צו אויפמערקזאַם, און אפילו דער פּאַליציאַנט איז פערגליווערט געוואָרען מיט דער פעדער אין האַנד.

ד ע ר י אָ ל ד. (מיט התלהבות) און ס'איז געקומען דערצו, אַז דער גאַנצער גליק פון פאַמיליען־לעבען איז געהאַנגען ניט מעהר ווי אויף אַ האָר. אַלע מיטלען צו מאַכען וואַקסען די האָר, וואָס ווערען געוויינליך אַנאָנסירט פון פערשיעדענע שאר־לאטאנעס...

ד ע ר ד י ק ע ר ט ו ר י ס ט. פּעטיא, נעם אַקאָרשט אַרויס דאָס נאָטיצביכעל.

ד י ע נ ע ר ג י ש ע ד א מ ע. אבער ווען וועט ער שוין פאַלען?

ד ע ר ב ע ל־ה ב ת. (ליעבענסווירדיג) דעם אַנדער מאָל, גנעדיגע פרוי, דעם אַנדער מאָל! איך וועל איהם צובינדען ניט אַזוי שטאַרק... און איהר פערשטייהט?...

צו אַלעס גוטן אָנדענקונג פֿאַר אײַך

דיר די פּויסטער כדי דו זאָלסט מיר

ניט פֿאַרגעסן, און ווידער ווינטש

איך דיר דו זאָלסט אויפֿנעמען די

גרעסטע אויספּרואוון, און פֿאַר-

בלײַב געזונט פֿון מיר דײַן חבֿר

ישראל [illegible]

ראשחודש: אייר, טאָג דאָנערשטאָג,

צו דײַן אַרויספֿאָר!

---

На [illegible] 5/ —

[illegible]